ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of the Shluchim Office

**ט' אדר א' תשס"ה** — **פרשת תצוה**

*טייערע קינדער שלוחים,*
*א גוטן ערב שבת.*
*איך בין זיכער אז איר זייט פול מיט שמחה און פרייד ווייל מיר ווייסן אז אין יעדן טאג פון אדר, ווערט אונזער שמחה שטארקער און שטארקער!!*
*דורך אונזער שמחה באווייזן מיר אונזער אמונה אין ה' אז אלץ וואס ער טוט איז גוט, און אלץ וועט זיכער זיין גוט!! שמחה איז אלעמאל געווען א וויכטיקן טייל פון די עבודה פון חסידים. סאלדאטן ווי אייך מוזן ארויסגיין צו מלחמה מיט א נצחון מארש!! לאמיר בעטן אז שוין די וואך זאלן מיר אריינטאנצן אין גאולה!!*
*איידלה וועכטער*

## דעם חסידישן לוח

***ז' אדר - יום הולדת און יארצייט פון משה רבינו***

ז' אדר איז דער טאג ווען משה רבינו איז געבארן געווארן און נסתלק 120 יאר שפעטער.

ווען משה רבינו איז געבארן געווארן שטייט אז מען האט גלייך געזען "כי טוב" אז ער איז גוט. דאס מיינט אז דער גאנצער שטוב איז אנגעפילט געווארן מיט ליכטיקייט.

פאר זיין געבורט, האבן יוכבד און עמרם– זיין טאטע און מאמע– שוין ניט געוואלט לעבן צוזאמען אז זיי זאלן ניט האבן מער קינדער. זיי האבן ניט געוואלט האבן קינדער וואס פרעה וועט אריינווארפן אין טייך נילוס!! אבער מרים האט געזאגט בנבואה אז זיי וועלן האבן א קינד וואס וועט ארויסנעמען די אידן פון גלות. משה רבינו האט טאקע ארויסגענומען די אידן פון מצרים און זיי אראפגעבראכט די הייליקע תורה.

פאר די אידן זיינען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל האט ה' יתברך געזאגט פאר משה רבינו אז ער וועט ניט אריינגיין מיט זיי. משה רבינו האט זייער געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל אבער דער אויבערשטער האט אים ערקלערט אז אויב ער וועט אריינגיין וועט ער בויען די בית המקדש - א בית המקדש וואס וועט ניט קענען צושטערט ווערן. און אויב די אידן וועלן זינדיקן וועט מען ניט קענען צושטערן דער בית המקדש נאר מען וועט דארפן פארטיליקן די אידן ר"ל.

איז משה רבינו געבליבן אין מדבר, און אין דער צייט פון גאולה וועט משה רבינו אויפשטיין צו תחיית המתים צוזאמען מיט אידן פון זיין דור וואס זיינען געבליבן אין מדבר.

*דעם גמטרי' פון משה רבינו איז ***613*** און משה רבינו האט אונז אראפגעברענגט דעם הייליקן מתנה – די תורה מיט ***613*** מצוות!!

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת תצוה

**"ממנו יוצאה אורה לכל העולם"**

די חז"ל זאגן, אז די פענסטער פון בית המקדש זיינען געווען געבויט אין א וועג אז די ליכטיקייט פון דער מנורה זאל ארויסשיינען אין דרויסן פון בית המקדש.

דער צוועק פון דער מנורה איז צו באלייכטן די גאנצע וועלט מיט דער ליכטיקייט פון דער שכינה.

מ'האט שוין פיל מאל גערעדט, אז יעדער אידישע הויז איז א "מקדש מעט" - א ביישפיל צום בית המקדש פון דעם גאנצן אידישן פאלק.

א איד דארף מאכן פון זיין הויז א "בית" אויף וועלכן דער אויבערשטער זאגט **"ושכנתי בתוכם"** - ג–טלעכקייט און אידישקייט רוט דארט.

און דאס איז דורך דעם וואס ער מאכט פון זיין הויז א **"בית תפלה", "בית תורה" און א "בית גמילות חסדים":** א הויז וואו מ'בעט אויף יעדער זאך בא דעם אויבערשטן (תפלה), א הויז וואו מ'הערט דארט און מ'חזר'ט און מ'לערנט דארט ענינים פון תורה, און א הויז פון וועלכער עס גייט ארויס צדקה און גמילת חסדים פאר די וואס נויטיקן זיך אין דעם, מענטשן אדער מוסדות (ווי בתי חינוך, א חדר, תלמוד תורה, ישיבה און דאס גלייכן).

און דאס איז אויך די "מישאן", די שליחות פון קינדער פון "צבאות השם": קינדער דארפן אויפשטעלן אזא "בית תפלה, תורה וגמילות חסדים" פון זייער אייגענעם חדר, א חדר וואו דער אויבערשטער רוט דארט בגלוי!

גלייך ווי מען שטייט אויף פון שלאף זאגט מען דארט "מודה אני" און דערנאך ברכות השחר, אין וועלכע מען דאנקט דעם אויבערשטן פאר אלע זיינע חסדים (תפלה),

*(המשך אין עמוד 2)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

ב"ה



# דערצייל מיר א מעשה

ר' משה ליבעראוו, דער שליח פון דער רבי אין פורטו–אלעגרא, בראזיל האט די איינציגסטע פרומע אידישע שולע אין א פאר הונדערט מייל. ב"ה די שולע גייט מיט אסאך הצלחה אבער ווי אין אלע מוסדות איז אלעמאל פאראן שוועריקייטן מיט געלט.

אין סוף פון דעם לערן יאר, אין תשנ"ה, האט ער געזען אז ער איז שולדיג 26,000 $ -א סך געלט אין בראזיל. ווען ער האט דעם געזאגט פאר זיין ווייב האט זי גלייך געזאגט "לאמיר שרייבן צום רבי'ן," און זיי האבן גלייך געשיקט א בריוו צום אהל.

דאס איז געווען מיטוואך ביינאכט.

מאנטאג אינדערפרי האט הרב אלפערין – דירעקטאר פון ליובאוויטש אין בראזיל, אנגערופען ר' ליבעראוו. ער האט יעצט גערעדט מיט א גרויסע גביר. א יאר פריער האט ר' ליבעראוו געבעטן אט דער גביר אויף געלט פאר די שולע. אין יענע צייט האט ער אים ניט געקענט העלפן, אבער היינט האט ער געמאכט א סך געלט אין זיין ביזנעס און ער וויל ארויסהעלפן די שולע.

קיינער האט אים ניט דערציילט אויף דער מצב יעצט מיט דער שולע און מען האט אים ניט געזאגט פונקט וויפל געלט מען דארף, אבער ער האט צוגעזאגט אז ער וויל געבן דעם מוסד געלט אין דעם סכום פון פונקט 26,000 $!!



*קינדער, מיר זען נאכאמאל און ווידער אמאל אז דער רבי העלפט צו זיינע טייערע שלוחים!!*

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

און מ'האט דארט א צדקה–פושקע (גמילות חסדים), און אויך א חומש, א סידור (און דאס גלייכן), וואס געהערט צו זיך (תורה).

און אויף דעם לערנט אונז די "מנורה", אז עס מוז זיין **"אורה יוצאה לעולם"**: עס דארף זיין קענטיק פאר אלעמען אז דאס איז אן אמת'ע אידישע הויז, אויף וועלכער דער אויבערשטער זאגט "ושכנתי בתוכם": און דערמיט מאכט מען ליכטיק אויך אין די אלע הייזער ארום, אנהויבנדיק פון די נאענטע, און דערנאך אויך די הייזער וואס זיינען ווייטער (א ביסל אדער א סך ווייטער).

ביז מ'וועט דורכפירן די "מישאן"– אז אין דער גאנצער וועלט וועט מען אנערקענען בגלוי ווי **"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"**.

און דאס וועט נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו,

און מ'וועט זען ווי אהרן הכהן צינדט אן די מנורה אין דעם גרעסטן "בית" - דעם אויבערשטנס "בית המקדש", במהרה בימנו ממש.

*(פון דער רבי'ס רעדעס צו קינדער - שיחת אור לה' דחנוכה תשמ"ז)*



## משיח נאו

מיר זען אז דעם ווארט "גולה"– גלות, און ווארט "גאולה" האבן א חילוק פון נאר איין אות - דער אות "אלף". דאס באווייזט אונז אז בכדי בייטן דעם וועלט פון "גלות" צו "גאולה" דארף מען נאר אריינלייגן דעם אלף. וואס איז דער אלף?– "אלופו של עולם" - ה'. מען מוז נאר אנטפלעקן ג–טלעכקייט אין וועלט דורך מקיים זיין תורה ומצוות בכדי ברענגען די "גאולה"!!

ב"ה

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים אופיס פאר מיטוואך, י"ד אדר א' – פורים קטן,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת תצוה

1. וואס לערנען מיר פון די פענסטער אין בית המקדש? ______________________________

______________________________

2. וויאזוי מאכט מען אונזער שטוב א בית המקדש? ______________________________

______________________________

3. וואס איז ספעציעל וועגן דעם יום הולדת און יארצייט פון משה רבינו? ______________

______________________________

4. ווער זיינען געווען זיינע עלטערן? ________________ און ________________
5. ווער איז געווען זיין ווייב *(קוק אין פרשת שמות פאר די ענטפער)*? ______________
6. ווער זיינען געווען זיינע קינדער *(קוק אין פרשת שמות פאר די ענטפער)*? ___________ און ____________________
7. וואס איז די חילוק צווישן **גולה** און **גאולה**? __________
8. וואס לערנען מיר פון דעם? ______________________________

______________________________

9. וואס איז די גמטרי' פון משה רבינו? ______________
10. ווי אזוי האט משה רבינו'ס יום הולדת שפעטער געהאלפן די אידן? ______________

______________________________

**דער געווינער פון פרשת תרומה איז: <u>מוטי דיסקין</u>**

**נאמען:** ______________________ **ווי אלט:** _____

**אדרעס:** ______________________________

**אי-מייעל:** ______________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org